רשימות

# מדברות קודש

## טיש שמיני עצרת - תשפ"ו לפ"ק

[אינו מוגה - נכתב ע"י הר"ר יוסף פירסט הי"ו]

## שמיני עצרת תשפ"ו

די היינטיגע טאג שמיני עצרת. די רב ז"ל פלעגט נישט זאגן קיין תורה, מ'קען נישט זאגן קיין תורה. די רב פלעגט אייביג רעדן פון דער ענין 'ביום השמיני עצרת תהיה לכם', און דער תרגום אונקלוס זאגט 'כנישו תהי לכון'. ס'קומען זיך צוזאם אלע עבודות פון אידישע קינדער, די אלע מצוות, די אלע עבודות וואס יודן האבן געטוהן די אלע הייליגע טעג.

'כל מלאכת עבודה לא תעשו'. די תורה זאגט נישט דא קיין טעם. געווענטליך איז דער תורה רגיל צו זאגן א טעם גשמי, די תורה פרובירט אלעס מלביש צו זיין אין א טעם גשמי, אביב קציר אסיף. אבער דא שמיני עצרת זאגט נישט די תורה קיין טעם גשמי, כל מלאכת עבודה לא תעשו, כל מלאכת עבודה לא תעשו, קשה עלי פרידתכם, עכבו עמי יום אחד, היינט עצרת תהיה לכם - איך מיין נאר ענק אליין.

### חודש אלול

די רב ז"ל פלעגט אויסצורעכענען אלע עבודות. מ'האט אנגעהויבן חודש אלול, מיט ציטער'דיגע הערצער, ס'קומט א יום הדין, ס'קומט א חודש תשרי אויף די וועלט, א ראש השנה, א יום כיפור. מ'זאגט לדוד ה' אורי, מ'האט געבעטן איין בקשה 'אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש שבתי בבית ה' כל ימי חיי', און מען בעהט זיך 'לחזות בנועם ה''. מען האט געהערט די קול השופר, מען האט אנגעפאנגען בלאזן שופר, מען דארף זיך צוגרייטן, מען דארף זיך ריין מאכן.

### סליחות

אזוי איז געקומען די ימי הסליחות, מ'איז אויפגעשטאנען צו סליחות 'לך ה' הצדקה', שבת סליחות... (?).

### ראש השנה

ראש השנה, היום הרת עולם, יום הזכרון, זכרון ליום ראשון, מ'דערמאנט זיך ווי אזוי דער אדם/וועלט האט אויסגעקוקט פארן חטא עץ הדעת. אזא לעכטיגע טאג פון מלכות שמים.

כל העמים תקעו כף, יבחר לנו את נחלתינו את גאון יעקב וגו' (כמה פעמים). ס'ווערט נתעורר די קטרוג פון מה אנוש כי תזכרנו, די שטן קומט להתייצב על ה', להתייצב על ה', אזוי ווי די זוהר זאגט 'על ה' ודאי'. די אויבערשטער האט זייער ליב די עבודה פון צדיקים, די עבודה פון כלל ישראל, און די שטן פארלייגט זיך אויף דעם און ער וויל דאס צונעמען. אויף דעם זאגט מען 'כל העמים תקעו כף' (חסר כאן הפירוש). 'יבחר לנו את נחלתינו' - אונזער נחלה, 'את גאון יעקב אשר אהב סלה' - וואס די אויבערשטער האט אזוי ליב, די אויבערשטער האט קיינמאל נישט פארגעסן.

'כי לאלקים מגיני ארץ', 'ארץ' מיינט 'מלכות', מ'גייט ארויס אין גאס - מלכות שמים איז אזוי מושפל, 'כי לאלקים מגיני ארץ' - די אויבערשטער איז מגין אויף מלכות, 'מאד נעלה' - מלכות קומט פון אזא הויכע פלאץ.

מ'האט געבעטן להעביר כל המסכים המבדילים, אלע מסכים המבדילים. להוציא זכיותיהם של ישראל, אלע זכותים וואס יודן האבן (בערך).

'יום המלכות', שופר ווייזט אויף ממליך זיין, שופר איז אויך א סימן אויף חירות. מ'קען נישט ממליך זיין די רבוש"ע נאר דורך חירות מיצר הרע. יעדער יוד אין זיין עומק הלב וויל דינען דעם אויבערשטן, נאר ער איז אין תפיסה, די שאור שבעיסה איז מעכב. בראש השנה יצא יוסף מבית האסורים, קדושת הברית גייט ארויס פון בית האסורים. יוסף איז געווען אין מצרים, האט ער געזעהן דמות דיוקנו של אביו, האט ער זיך ארויס געדראפעט פון בית האסורים, דמות דיוקנו של אביו - 'גאון יעקב', די אמת פון יעקב, די אמת פון אן אדם אשר אהב סלה.

אזוי האט מען געדאווענט מוסף, מלכיות זכרונות שופרות, אזעלכע לעכטיגע פסוקים. ראש השנה איז א יום הדין, מען קוקט אריין, מען זעהט די אנשי כנסת הגדולה האבן כמעט נישט דערמאנט פונעם יום הדין און בקשות וכו', אלעס נאר אויף מלכות שמים.

די רבוש"ע האט זיך מלביש געווען אין די גרעסטע מקטרג, די מקור הקליפה, 'לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל'. אונז זאג מיר: חטאנו אשמנו [חטאנו], אבער די רבוש"ע זאגט: 'לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל, ה' אלקיו עמו ותרועת מלך בו', - די יודישע קרעכץ, די קרעכץ וואס א יוד געבט בשעת ער טוט א עבירה, 'מאזין תרועה' - די באהאלטענע קרעכץ וואס נאר

דער אויבערשטער ווייסט.

'וזכרתי את בריתי יעקב' וגו'. 'וישמע אלקים את נאקתם ויזכור אלקים את בריתו' וגו'. 'אשר מצרים מעבידים אותם', די מצרים מאכן זיי דינען עבודה זרה, אבער די יודן האבן א באהאלטענע בכיה, זיי האבן געשריגן אזא טיפע נאקה וואס זיי האבן אליין נישט געוואוסט פון דעם. פארוואס ס'איז דא אזעלכע יצר הרע'ס, די יודן ווייסן אליינס נישט נאר דער אויבערשטער ווייסט, 'וידע אלקים'.

'ויזכור להם בריתו וינחם כרוב חסדיו', וינחם כרוב חסדיו. 'וזכרתי אני את בריתי אותך בימי נעוריך והקימותי לך ברית עולם'.

מען האט דערמאנט די הבטחות פון די נביאים, 'ודברך אמת' - דברי נביאים וועט זיכער נתקיים ווערן.

'והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים', די אלע קליפות און אובדים וועלן קומען זיך ביקן צום אויבערשטן, 'והשתחוו לה' בהר הקודש בירושלים'.

### עשרת ימי תשובה

עשי"ת, דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב, התעוררות, אפילו פשוט'ע אידן מ'זוכט צו ווערן בעסער, אביסל בעסער, נאך בעסער, מ'איז זיך מתחדש, מ'נעמט זיך אונטער נייע קבלות טובות, יעדער לויט זיין מדרגה. אפילו די וואס קענען נישט אליין - האבן געזאגט פאר די קינדער צו ווערן בעסער.

### ערב יום הקדוש

ערב יום כיפור מען האט זיך געפריידט, די רבוש"ע גייט שוין מוחל זיין די עבירות.

### יום הקדוש

מ'איז אריין צו כל נדרי. יודען וואס ווייסן נישט וואס מיינט א יום כיפור - קומען, זיי ווייסן אפילו נישט פארוואס זיי קומען, מען פרעגט זיי פארוואס זיי קומען - זאגט ער: ס'איז יום כיפור. וואס איז יום כיפור - ער ווייסט נישט, אזא הייליגע טאג, עיצומו של יום מכפר. 'צל קורתך באו בנים אשר נגרשו', זיי פאסטן וכו'. א גאנצע עסק די פאסטן, חולים שוואכע מענטשן געזוכט עצות צו קענען פאסטן, געפרעגט דאקטורים פאר א היתר צו קענען פאסטן.

אונז האבן נישט קיין השגה וואס מיינט די כהן גדול'ס אריינגיין אין קודש הקדשים. אחת, אחת ואחת, ער האט נישט געזאגט/גערעדט סתם קיין ווערטער, אחת, אחת ואחת, אחת ושתים, אחת ושלוש, אחת וארבע, אחת וחמש.

די כהן גדול איז מטהר די שכינה, די שכינה נעמט אויף זיך אלע יודישע עבירות, 'וכפר על הקודש - השוכן איתם בתוך טומאותם'. זי וואלט עס נישט געטארט טוהן, אבער די שכינה טוט א עבירה לשמה, א מאמע פארלאזט נישט איר קינד, אפילו די קינד פארשמירט זיך.

'מראה כהן בצאתו מן הקודש'. יום כיפור ווערט נתגלה די אמת פון די רבוש"ע - אז א יוד זינדיגט נישט. מען לייגט ארויף די חטאים אויפן שעיר לעזאזל, וועט נתגלה ווערן לעתיד לבוא, בעת ההוא יבוקש את עון ישראל ואיננו. יום כיפור איז א הארה פונעם עתיד. דער כהן גדול איז דאס משיג. דאס איז די מראה כהן, די פנים פון כהן גדול האט געשיינט פון די אמת פון א נשמה.

### בין יוהכ"פ לסוכות

מוצאי יום כיפור מ'האט זיך געפריידט, מ'איז ריין פון עבירות. וועגן דעם ווערט ירושלים אנגערופן 'משוש כל הארץ', מ'איז דארט מקריב קרבנות, מ'איז געווארן ריין פון עבירות, האט מען געהאט יעדן טאג די הרגש פון מוצאי יום כיפור, משוש כל הארץ.

### חג הסוכות

מ'גייט אריין אין טעג פון ימינו תחבקני. מ'נעמט צוזאם אלע פיר מינים לולב אתרוג הדסים וערבות, מ'בינדט זיי צוזאמען. מ'איז מרגיש די גרויסע אהבה וואס דער אויבערשטער האט צו אידן. ממשיך מדעת עליון לנוה אפריון למכון בית אלקינו. ושמחתם לפני ה' אלוקיכם, זמן שמחתינו, מען שעפט פון דעם שמחה אויף א גאנץ יאר.

מ'האט זיך געפריידט מיט שמחת בית השואבה, שואבין רוח הקודש, זכר צום שמחה אין ביהמ"ק. מי שלא ראה שמחה זו לא ראה שמחה מימיו, חסידים ואנשי מעשה מרקדין, זיי האבן זיך געפריידט מיט דביקות אין אויבערשטן.

### הושענא רבה

'הושענא רבה'. מהאט געבעטן אלע מיני ישועות, אבער 'בלתך אין להושיע', אָן דיין ישועה איז אלעס גארנישט, אזא הסתר פנים, חושך טמטום הלב, הסתר בתוך הסתר, מהאט נישט קיין השגה ווי טיף די הסתר איז. מ'קלאפט די ערבה אויף די ערד - ס'זאל שוין זיין

תאיר ארץ מכבודך, יעדעס ווערימ'ל זאל וויסן אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, פון אויבן ביז אראפ.

'צעקה הנערה המאורשה ואין מושיע לה', ו'אין' וודאי מושיע לה. כי יקום איש על רעהו ורצחו נפש כן הדבר הזה, די יצר הרע איז אזוי ווי א רוצח, דארף ער שרייען 'אויבערשטער העלף', און אז מען שרייט - העלפט דער אויבערשטער. צעקה הנערה המאורשה ואין מושיע לה.

'צעקו וה' שומע'. פארדעם (-קודם) שטייט 'פני ה' בעושי רע להכרית מארץ זכרם', מ'רעדט דארט פון גרויסע רשעים 'להכרית מארץ זכרם'. מיט דעם אלעם - 'צעקו וה' שומע', 'צעקו וה' שומע'.

בכלל, אלע הייליגע טעג ארבעט מען ארויסצוברענגען די מעמקים, מען זאגט שיר המעלות ממעמקים, ס'ווערט נתגלה די מעמקי הנפש וואס קומען נישט ארויס א גאנץ יאר, אנדערע מער אנדערע וויניגער, ביי אנדערע אפילו נאר פאר איין רגע.

## שמיני עצרת

די היינטיגע טאג שמיני עצרת, ס'ווערט א גרויסע יחוד, יחודא שלים, אמת'דיגע יחוד. עס קומען זיך צוזאם אלע עבודות פון די הייליגע טעג. דער אויבערשטער זאגט, קשה עלי פרידתכם, עכבו עמי יום אחד. עס ווערט א גרויסע עת רצון, מלכא בלחודוהי, שאיל מאי דבעי ויהיב לך.

די רב ז"ל פלעגט זאגן: ווען ס'דא א חתונה איז דא א נדן מצד החתן און א נדן מצד הכלה. 'פר אחד' איז די נדן מצד החתן, דער אויבערשטער זאגט צו ממתיק צו זיין אלע פ"ר דינים. אזויפיל חולים דארפן רפואות, אזויפיל דארפן שידוכים, אזויפיל עגמת נפש ברוחניות ובגשמיות, אזויפיל חולי הנפש, עצבות דכאון הנפש, זיי וויסן נישט אויף וועלכע וועלט זיי שטייען, פרנסה(?), נחת פון די קינדער. 'מלא משאלותם נהוג בשמחתם', די אויבערשטער זאגט צו ממתיק צו זיין די פר דינים.

און אונז זאג מיר 'איל אחד', מאי דהוה הוה, 'כאיל תערוג על אפיקי מים כן נפשי תערוג אליך אלקים'.

די בקשה פון כנסת ישראל היינט איז 'שימני כחותם על לבך כחותם על זרועך', 'ארחא דחותם כיון דאתדבק בההוא אתר דאתדבק שביק ביה כל דיוקניה, אף על גב דההוא חותם אזיל הכא והכא וגו' כל דיוקניה שביק תמן. אוף הכי אמרת כנסת ישראל, כיון דאתדבקנא בך, יהא רעוא כל דיוקני ליהוי חקיק בך, דאף על גב דאיזיל הכא או הכא תשכח דיוקני חקיק בך'.

אויב דו זאגסט 'קשה עלי פרידתכם', וואס זאל זאגן כנסת ישראל, די כבושה בגולה, מרוטות לחי, סובלת סבלך.

ס'קומט א ווינטער, ס'קומט א זומער, ס'קומט א ימות החול, די מעמקים זאל מען מיטנעמען אויף א גאנצע יאר, אזוי ווי מ'האט געזאגט היינט אין די הפטורה 'והיה לבבכם שלם עם ה' אלוקינו וגו' כיום הזה'. מיט די תורה האלט מען זיך, די תורה גייט מיט אלעמאל, ווי מען גייט - גייט די תורה מיט, נאך שמיני עצרת גייט שמחת תורה, מען פרייעדט זיך מיט די תורה, 'בהתהלכך תנחה אותך בשכבך תשמור עליך'.

די אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל זוכה זיין צום בנין בית המקדש השלישי, בית אלוקי יעקב. אבער מ'מוז אלעמאל צולייגן - אהן קיין חבלי משיח, אהן קיין חבלי משיח, נישט נאר בגשמיות נאר אויך ברוחניות, די דור קען נישט אויסהאלטן קיין חבלי משיח, ס'איז נישט קיין דור פאר חבלי משיח, אונז זעמיר א שוואך דור, שוואך דור. גאולה שלימה ברחמים, ברחמים גדולים ממקור הרחמים, אמן כן יהי רצון.

כל הזכויות שמורות
מכון תולדות יהודה סטמאר
להוצאת ספרי כ"ק מרן רבינו שליט"א
Tel. 718.438.0032 #3